בס"ד

# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קמא**

**ויקרא - פורים**

בענין

**קושית המשנה למלך על הר"ן שסותר את עצמו בקריאת מגילה – וד' כוסות**

### גמרא מסכת מגילה

שטייט אין **גמרא מסכת מגילה** (ה, ב): **רב אסי קרי מגילה בהוצל בארביסר ובחמיסר** - רב אסי פלעגט ליינען די מגילה אין די שטאט הוצל, סיי ביום י"ד און סיי ביום ט"ו, און די טעם איז וויבאלד: **מספקא ליה אי מוקפת חומה מימות יהושע בן נון אי לא** - ווייל רב אסי איז געוועהן מסופק צו די שטאט הוצל איז מקופת חומה פון די צייטן פון יהושע בן נון אדער נישט, און מכח ספק האט ער געליינט די מגילהביידע טעג.

### דברי הר"ן וביאורו של המשנה למלך בדבריו

די ר"ן (מסכת מגילה דף ג, ב מדפי הרי"ף) שרייבט אויף ער גמרא, ווי אזוי עס איז די הלכה - ביי עיירות המסופקות, וזה לשונו: **ולענין עיירות המסופקות אם הן מוקפות חומה מימות יהושע בן נון או לא, הורו הגאונים ז"ל שהולכין בהן אחר רוב עיירות שרובן אינן מוקפות חומה מימות יהושע וקורין בהן בי"ד ועוד שאפילו תאמר שהוא ספק שקול ה"ל ספק של דבריהם ולקולא, ונמצא פטורות בשניהם ומבטל ממנו בודאי מקרא מגילה, לפיכך קורא בראשון ופטור בשני.**

דער **משנה למלך** (הלכות מגילה פרק א, הלכה יא) ברעגנט אראפ דער **ר"ן** און ער איז מבאר זיינע ווערטער וזה לשונו: **וכונת דבריו נראה דכיון דמן הדין הוי ספק של דבריהם, ולקולא, אלא דלא אפשר למיזל לקולא, דאם כן נמצא את פוטרו בשניהם דבכל יומא ויומא איכא למימר שמא אינו חייב ביום זה, משום הכי אמרינן דיקרא בראשון ופטור בשני, משום דהוי ספק של דבריהם, דשמא נפטר במה שקרא בראשון, ומאי דאמרינן דיקרא בראשון הוא משום דכיון דעל כל פנים צריך לקרות יום אחד או בי"ד או בט"ו צריך לקרות בי"ד דתיכף שבא המצוה לידו צריך שיקיימנה** - פירוש: אין די גמרא אין מגילה איז מבואר, אז רב אסי האט געליינט אין די שטאט 'הוצל' וואס עס איז געוועהן א ספק דארט צו עס איז מוקפת חומה מימות יהושע בן נון אדער נישט, סיי ביום י"ד און סיי ביום ט"ו. קומט די ר"ן און שרייבט, אז די גאונים האבן שוין גע'פסק'נט אז א שטאט וואס האט אויף זיך א ספק צו עס איז מימות יהושע בן נון אדער נישט, ליינט מען נאר ביום י"ד. און די טעם איז, וויבאלד קריאת המגילה איז נאר א מצוה דרבנן, און די כלל איז דאך אז ביי א ספק דרבנן גייט מען לקולא, איז דא גייט זיין א קליינע פראבלעם, ווייל ווען עס קומט אן יום י"ד, און א מענטש פרעגט צו האט ער יעצט א חיוב צו ליינען די מגילה, וועט מען אים ענטפערן אז וויבאלד די כלל איז דאך אז ספק דרבנן לקולא, און דא איז דאך דא א ספק אפשר איז די שטאט מוקפת חומה מימות יהושע בן נון, און די קענסט מיקל זיין און נישט ליינען די מגילה היינט. און די זעלבע זאך וועט זיין ווען עס קומט אן די מארגן'דיגע טאג יום ט"ו, און ער גייט פרעגן א שאלה צו ער דארף ליינען די מגילה היינט גייט מען אים ענטפערן אז די כלל איז א ספק דרבנן לקולא, און ביסט נישט מחויב צו ליינען די מגילה היינט, און אויב אזוי וועט אויסקומען אז א מענטש וואס וואוינט אין אזא שטאט וועט בכלל נישט ליינען די מגילה אין פורים. וועגן דעם האבן די גאונים גע'פסק'נט, אז א מענטש וואס וואוינט אין א שטאט וואס האט א ספק צו עס איז מוקפת חומה מימות יהושע בן נון, זאל ליינען די מגילה ביום י"ד דייקא, און די טעם איז ווייל דעס איז זיכער אז ער דארף איין טאג ליינען די מגילה אדער יום י"ד אדער יום ט"ו, זאגט מען אים: ליין ביום י"ד, ווייל עס איז דאך דא די כלל פון 'מצווה הבאה לידך אל תחמיצנה', און גלייך ביי די ערשטע געלעגנעהייט, זאל ער גיין ליינען די מגילה. דהיינו ביום י"ד. און ער איז פטור צו ליינען ביום ט"ו, ווייל ספק מדרבנן לקולא. עד כאן דברי הר"ן על פי ביאורו של המשנה למלך.

### קושית המשנה למלך על הר"ן

קומט די **משנה למלך** און פרעגט אויף די ר"ן, אז די ר"ן דא אין מגילה איז זיך סותר מיט א אנדערע ר"ן אין מסכת פסחים, וזה לשון המשנה למלך: **אך מה שיש לי לדקדק בדברי הר"ן הללו הוא, דכיון דלא מצינא למימר דהו"ל ספק של דבריהם ולקולא, משום דאם כן**

**אתה פוטרו בשניהם ומבטל ממנו מקרא מגילה, אם כן נחייב אותו שיקרא בי"ד ובט"ו, דמאי חזית דנקיל בט"ו טפי מי"ד. והר"ן עצמו, בפרק ערבי פסחים, עלה דההיא דאמרינן והשתא דאמר הכי, ואתמר הכי כולהו צריכי היסבה, כתב: דאף על גב דבעלמא קיימא לן איפכא דכל ספיקא דרבנן לקולא, מכל מקום הכא בעו למעבד היסבה בכולהו, דאי ניזול לקולא אמאי נקל בההני טפי מהני, ואי ניקל בתרוייהו הא מעיקרא מצות היסבה לגמרי ע"כ. ולפי מה שכתב הר"ן במגילה, הכי נמי גבי היסבה הוה ליה למימר שיעשה היסבה בתרי קמאי דוקא?** - פירוש: אין **גמרא מסכת פסחים** (קח, א) שטייט אזוי: **ואפילו עני שבישראל לא יאכל עד שיסב** - דהיינו, עס איז דא א חיוב אויף יעדער איינער אשר בשם ישראל יכונה צו מאכן הסיבה ביי די סדר נאכט, אפילו א עני שבישראל. קומט די גמרא און איז דן אין די הלכה פון הסיבה: **איתמר - במצה צריך הסיבה, מרור אין צריך הסיבה** - פירוש: ווען מען עסט מצה פסח בייאנאכט דארף מען מאכן היסיבה, אבער ווען מען עסט די מרור דארף מען נישט מאכן הסיבה. **יין - איתמר משמיה דרב נחמן צריך הסיבה ואיתמר משמיה דרב נחמן אין צריך הסיבה** - לגבי די ד' כוסות, טרעפט מען צוויי מימרות פון רב נחמן, אין איין מימרא האט רב נחמן געזאגט אז 'יין צריך הסיבה', און אין א אנדערע מימרא האט ער געזאגט אז 'יין אין צריך הסיבה'. און די גמרא זאגט **ולא פליגי** - די ביידע מימרות קריגען זיך נישט, **הא בתרתי כסי קמאי, הא בתרתי כסי בתראי** - פירוש: די ביידע מימרות פון רב נחמן זענען זיך נישט סותר. ווייל איין מימרא פון רב נחמן גייט ארויף אויף די ערשטע צוויי כוסות וואס מען טרינקט, און די אנדערע מימרא פון רב נחמן גייט ארויף אויף די לעצטע צוויי כוסות וואס מען טרינקט.

יעצט, ביי וועלכע צוויי כוסות דארף מען יא הסיבה, און ביי וועלכע צוויי כוסות דארף מען נישט הסיבה, אויף דעם איז דא א מחלוקת אין די גמרא: **אמרי לה להאי גיסא ואמרי לה להאי גיסא** - עס איז דא וואס זאגן אזוי, און עס איז דא וואס זאגן אזוי, און די גמרא איז מסביר: **אמרי לה להאי גיסא - תרי כסי קמאי בעו הסיבה, דהשתא הוא דקא מתחלא לה חירות, תרי כסי בתראי לא בעו הסיבה, מאי דהוה הוה** - פירוש: עס איז דא וואס זענען מסביר אז דעם וואס רב נחמן האט געזאגט אז 'יין צריך הסיבה', גייט ארויף אויף די ערשטע צוויי כוסות, דהיינו, נאר די ערשטע צוויי כוסות איז מחיוב מיט הסיבה, און די טעם איז ווייל די ערשטע צוויי כוסות טרינקט גלייך נעבן ווען מען זאגט די הגדה, און מען דערמאנט די שבח פון יציאת מצרים, אבער די לעצטע צוויי כוסות, פון 'ברך' און 'הלל', וואס מען זאגט שוין נאך מען האט גע'ענדיגט די הגדה, איז נישט מחיוב בהסיבה, ווייל 'מה דהוה הוה', דהיינו דעם אז מען דארף פראוועווען חירות אז מען איז ארויס פון מצרים, האט מען שוין געטוהן ביי די ערשטע צוויי כוסות, וואס איז סמוך להגדה, און וועגן דעם איז נישט דא קיין שום צורך צומאכן נאכאמאל הסיבה ביי די לעצטע צוויי כוסות. **ואמרי לה להאי גיסא - אדרבה תרי כסי בתראי בעו הסיבה, ההיא שעתא דקא הויא חירות, תרי כסי קמאי לא בעו הסיבה דאכתי 'עבדים היינו' קאמר** - פירוש: עס איז דא וואס זענען מסביר דעם וואס רב נחמן זאגט אז 'יין צריך הסיבה', גייט ארויף אויף די לעצטע צוויי כוסות, דהיינו נאר די לעצטע צוויי כוסות דארפן הסיבה, און די טעם איז ווייל דוקא ביי די לעצטע צוויי כוסות, ווי מען האלט שוין נאך די גאנצע הגדה, און מען איז שוין אינגאנצען אויסגעלייזט, דארט פאסט זיך צו מאכן הסיבה ווען מען טרינקט די כוסות, אבער ביי די ערשטע צוויי כוסות, דארט דארף מען נישט הסיבה, ווייל 'אכתי עבדים היינו קאמר', דהיינו מען האלט נאך אינמיטן זאגן עבדים היינו, און מען איז נאך נישט אינגאנצען אויסגעלייזט. על כל פנים, איז דא א גרויסע מחלוקת אין די גמרא דא, צו די ערשטע צוויי כוסות דארפן הסיבה, אדער די לעצטע צוויי כוסות דארפן הסיבה.

קומט די גמרא און זאגט: **השתא דאיתמר הכי ואיתמר הכי - אידי ואידי בעו הסיבה** - פירוש: וויבאלד מען האט דא א ספק, דהיינו מען האט דא צוויי דיעות וועלכע פון די פוהר כוסות דארף מען טרינקען בהסיבה, די ערשטע צוויי אדער די לעצטע צוויי, וועגן דעם זאגט מען אז 'אידי ואידי בעו הסיבה,' דהיינו מען דארף מאכן הסיבה ביי אלע פוהר כוסות. עד כאן סוגית הגמרא בפסחים.

קומט די **ר"ן** (כג, א, מדפי הרי"ף) דארט אין מסכת פסחים און שרייבט אויף דער גמרא: **ואף על גב דבעלמא קיימא לן איפכא, דכל ספיקא דרבנן לקולא, הכא כיון דלאו מילתא דטירחא היא עבדינן לרווחא דמילתא. כך פירשו ז"ל. "ולי נראה דעל כרחך בעי למיעבד הסיבה בכולהו, דאי ניזיל לקולא, אמאי נקיל בהני טפי מהני, ואי נקיל בתרוייהו הא מעיקרא מצות הסיבה לגמרי"** - פירוש: די ר"ן פרעגט, פארוואס זאגט די גמרא אז מען דארף מאכן הסיבה ביי אלע ד' כוסות, דער דין פון הסיבה, און די גאנצע דין פון ד' כוסות איז דאך נאר א מצוה דרבנן, און די כלל איז דאך אז 'ספק רבנן לקולא', און מען וואלט געדארפט דא מיקל זיין און נישט מחמיר זיין צו מאכן הסיבה ביי אלע פוהר? איז קודם ברענגט אראפ די ר"ן א תירוץ, אז וויבאלד די מצות הסיבה איז בכלל נישט קיין טירחא פאר א מענטש, האט מען געהייסן צו מאכן הסיבה ביי אלע ד' כוסות, אפילו עס איז נאר א דרבנן. קומט אבער די ר"ן און שרייבט סאך א פשוט'ערע הסבר, אז וויבאלד אויב די גייסט ניצן דא די כלל פון ספק מדרבנן לקולא, וועט אויסקומען אז מען גייט בכלל נישט מאכן קיין הסיבה, ווייל די מצות הסיבה ביי די ערשטע צוויי כוסות איז א ספק דרבנן, און די מצות הסיבה מיי די לעצטע צוויי כוסות איז א ספק דרבנן, און אויב מען גייט מיקל זיין ביי ביידע, וועט מען בכלל נישט מאכן קיין הסיבה, וועגן דעם זאגט די גמרא אז מען זאל מחמיר זיין ביי ביידע, און אזוי וועט מען מקיים זיין די מצות פון הסיבה. עד כאן דברי הר"ן בפסחים.

קומט די **משנה למלך** און פרעגט זייער שטארק אויף די ר"ן: דא ביי הלכות מגילה, ביי א שטאט וואס איז א ספק צו עס איז מוקף חומה מימות יהושע בן נון, זאגט די ר"ן די זעלבע טענה - אז מען קען נישט עוקר זיין אינגאנצען קריאת מגילה מכח די כלל פון ספק דרבנן לקולא, און אפילו אזוי פסק'נט די ר"ן אז מען דארף לייענען די מגילה נאר ביום י"ד, און נישט ט"ו, אבער ביי די ד' כוסות, איז די ר"ן מסביר אז מכח די טענה - אז מען קען נישט עוקר זיין אינגאנצען די מצוה פון הסיבה ביי ד' כוסות מכח די כלל פון ספק דרבנן לקולא - דארף מען מאכן הסיבה ביי אלע ד' כוסות? איז ממה נפשך, אדער זאל די ר"ן שרייבן, אז מגילה דארף מען לייענען ביידע טעג, סיי ביום י"ד און סיי ביום ט"ו, און אזוי אויך אז מען דארף הסיבה ביי אלע ד' כוסות, אדער זאל די ר"ן שרייבן, אז די מגילה דארף מען לייענען נאר ביום י"ד, און הסיבה דארף מען נאר ביי די ערשטע צוויי פון די ד' כוסות? פארוואס ביי מגילה פסק'נט ער אז נאר יום י"ד איז גענוג, און ביי די ד' כוסות, פסק'נט ער אז מען דארף הסיבה ביי אלע ד' כוסות?

## תירוצו של המשנה למלך

קומט די **משנה למלך** און ענטפערט אויף דער קשיא, וזה לשונו: **ונראה דיש לחלק בין כשהספק הוא בתקנת חכמים, דאז כדי שלא תיעקר תקנתם צריך לקיים בכל מאי דאפשר שתקנו, כגון במצות הסיבה, דאי אמרת דדוקא קמאי צריכי, אם תמצא לומר דתקנת חכמים היתה בכסי בתראי, נמצא, שנתבטלה תקנת חכמים מכל וכל, וכן איפכא. אבל גבי מגילה, דתקנת חכמים במקומה עומדת, אלא דיש קצת עיירות שמסופקות באיזה יום יקראו, נהי דלא מהני טעמא דספק של דבריהם לפוטרם מכל וכל, מכל מקום היכא דקרא בי"ד מהני טעמא דספק של דבריהם לפוטרו מקריאה בט"ו** - פירוש: די משנה למלך איז מסביר אז עס איז דא א חילוק פון 'תקנת חכמים' ביי 'הסיבה', און ביי די 'תקנת חכמים' ביי 'קריאת מגילה'. ביי הסיבה, אויב גייט מען פסק'נען אז מען זאל מאכן הסיבה נאר ביי די ערשטע צוויי כוסות, און נישט ביי די לעצטע צוויי [אזוי ווי מען זאגט ביי מגילה אז מען זאל נאר ליינען די מגילה ביום י"ד און נישט ביום ט"ו]. איז אויב איז די תקנת חכמים געוועהן באמת צו מאכן הסיבה נאר ביי די לעצטע צוויי כוסות, קומט אויס אז מען האט מְעַקֵר געוועהן אינגאנצן די תקנת החכמים פון הסיבה ביי די ד' כוסות. ווייל גאנץ כלל ישראל מאכט הסיבה ביי די כוסות ווי די חכמים האבן בכלל נישט מתקן געוועהן קיין הסיבה, מה שאין כן ביי קריאת מגילה, אה"נ דער שטאט וואס האט אין זיך א ספק צו מען דארף ליינען ביום י"ד אדער ט"ו געפונט זיך אין א פראבלעם, אבער די תקנת פון קריאת המגילה ווערט נישט נעקר, ווען איך זאגט אז די שטאט וואס האט א ספק זאל ליינען נאר ביום י"ד, ווייל גאנץ כלל ישראל ליינט נאך געהעריג די מגילה, ביום י"ד אדער ביום ט"ו. איז ביי אזא אופן, זאגט מען אז מען זאל ליינען ביום י"ד, ווייל - בכלל נישט ליינען די מגילה אין דער שטאט קען מען נישט זאגן, ווייל אזוי ביסטו עוקר קריאת המגילה לגמרי פון דער שטאט, וועגן דעם זאגט מען אז מען דארף סייווי איינער פון די צוויי טעג ליינען, זאל מען ענדערט ליינען מגילה ביום י"ד מכח די כלל פון 'תיכף שבא המצוה לידו צריך שיקיימנה', און ביום ט"ו איז מען פטור פון ליינען, וועגן מען זאגט ספק דרבנן לקולא, און מען דארף נישט מחמיר זיין צו ליינען די מגילה.

## קושית הבני יששכר על המשנה למלך

דער רבי **הרה"ק רבי הירש מיילעך פון דינוב זי"ע** - דער הייליגע **בני יששכר**, אין זיי ספר **בני יששכר** (מאמרי חודש ניסן, מאמר ד', טיול בפרדס, דרוש ב - על דרך הפשט), ברעגנט אראפ דער משנה למלך, און ער פרעגט זייער שטארק אויף די משנה למלך, אז ער פארשטייט נישט זיין תירוץ, וזה לשונו: **ועל עיקר טעם הר"ן - הנה הרב הגאון הגדול בעל משנה למלך, הקשה עליו מדברי עצמו, שפסק הר"ן במגילה, בעיירות המסופקות אם הם מוקפות חומה מימות יהושע יקרא בי"ד ולא בט"ו, וכתב שם הטעם, שאפילו תאמר דהוה ספק שקול, הוה ליה ספק של דבריהם, ולקולא, ונמצא אתה פוטרו בשניהם ומבטל ממנו בודאי מצות קריאה, לפיכך קורא בראשון ופטור בשני. והקשה הגאון הנ"ל, אם כן הוה ליה כמו כאן בארבע כוסות, למה ניקל בהנהו טפי מהנהו, והוה ליה לחייבו לקרות בי"ד וט"ו. או הוה ליה לפסוק בארבע כוסות גם כן דלעביד הסיבה רק בתרי כסיא קמאי ותו לא. ותירץ הרב הגאון הנ"ל, דלא דמי, דבשלמא בארבע כוסות, דאפילו אם נעביד הסיבה בקמאי אפשר דלא תקנו רק בבתראי, ומיעקרא תקנת חכמים מכל וכל בכל העולם, מה שאין כן במגילה לא מיעקרא תקנת חכמים מכל העולם, רק בעיירות המסופקות, ומקיימא תקנת חכמים בכל העולם עד כאן דבריו.**

קומט יעצט די **בני יששכר** און פרעגט: **ולי הקטן דבריו תמוהים, אם כן נפטור לגמרי העיירות המסופקות כדין ספק דרבנן בכל מקום, ואי משום דמיעקרא תקנת חכמים לגמרי מהם, הרי לא מיעקרא מכל העולם. ועל כרחך צריך לומר דקפדינן שלא תיעקר תקנת חכמים ואפילו מיחידים, אם כן נחייבם בי"ד ובט"ו, דאם יקראו בי"ד אפשר צריכים לקרות בט"ו על פי תקנת חכמים, ומיעקרא תקנת חכמים לגמרי מה** - פירוש: דער בני יששכר פרעגט א פשוט'ע קשיא אויף דער משנה למלך, ברגע וואס די משנה למלך האט מחלק געוועהן און געזאגט אז קריאת מגילה איז נישט דא קיין פראבלעם צו נישט ליינען ביום ט"ו, ווייל די תקנת קריאת מגילה ווערט נישט נעקר לגמרי, ווייל גאנץ כלל ישראל ליינט נאך אלץ די מגילה ביום י"ד, אדער ביום ט"ו, איז אויב אזוי ווערט די קריאת מגילה אין דער שטעט וואס האבן א ספק צו עס איז מוקף חומה מימות יהושע בן נון, אזוי ווי יעדער ספק דרבנן, און ביי א ספק דרבנן גייט מען לקולא, און מען וועט נישט דארפן ליינען די מגילה בכלל און יענער שטעט. נאר על כרחך איז דא פראבלעם אזוי צו זאגן, ווייל דעמאלטס קומט אויס אז ביסט עוקר אינגאצען פון דער שטעט די מצוה פון מקרא מגילה, אויב אזוי זעהט מען אז אפילו ביי 'יחידים' איז דא א פראבלעם צו עוקר זיין פון זיי די מצוה, און אויב אזוי ווערט ממש דומה די מצוה פון קריאת מגילה צו ד' כוסות, ווייל אויב גייסטו זאגן אז די שטעט זאלן ליינען נאר ביום י"ד - איז אויב איז אמת אז בעצם איז דער שטאט יא מוקף חומה מימות יהושע בן נון און זיי דארפן בעצם ליינען ביום ט"ו, קומט אויס אז די האסט עוקר געוועהן די מצוה פון קריאת מגילה ביי די 'יחידים' דהיינו דער שטעט, און די הלכה דארף זיין ממש ווי ביי ד' כוסות, און וואלט געדארפט ליינען סיי ביום י"ד און סיי ביום ט"ו. און די בני יששכר בלייבט מיט א קשיא.

## תירוצו של הבני יששכר על קושית המשנה למלך

קומט די **בני יששכר** און שרייבט א נייער תירוץ צו פארענטפערן די קשיא פון די משנה למלך, וזה לשונו: **ונראה לי לתרץ קושיית המשנה למלך, דבאמת ודאי קפדינן דלא למיעקר תקנת חכמים אפילו מן היחיד, ואי תקשה אם כן תחייב עיירות המסופקות לקרוא בשתיהן. יש לתרץ בהקדים קושיית המרדכי** (מגילה, סימן תשעה) **למה לא עבדינן ספיקא דיומא במגילה כמו בכל המועדים. ונראה לי, דהנה מדחזינן דהקפידו אנשי כנסת הגדולה וגזרו במגילה 'ולא יעבור'** (אסתר ט, כז) **- שלא יקראנה אחר זמנה** (עי' במגילה ב, א), **ולכאורה קשה למה ליה למיכתב 'ולא יעבור', וכי סלקא דעתך לעשות מצוה שלא בזמנה. אלא על כרחך הקילו אנשי כנסת הגדולה בזה לומר שלא נעשה ספיקא דיומא כאשר יתבאר להלן, אי"ה. דהנה הא דקיימא לן ספיקא דרבנן לקולא, הלא גם דבריהם מדאורייתא הוא - מן 'לא תסור'** (דברים יז, יא). **אך הם בעצמם התנו כן שיהיה ספק דבריהם להקל, וכמו שכתב הלחם משנה בהלכות ממרים** (פרק א, הלכה ב). **והנה זה דוקא, כשאירע איזה ספק אם עשה כתקנת חכמים או לא, מה שאין כן במקום שיעקר**

**תקנתם לגמרי על ידי הספק, לא התנו, והעמידו דברים כתורה ממש. ונשמע זה ממגילה, מדהוצרכו לכתוב 'ולא יעבור', והוא לכאורה ללא צורך כנזכר לעיל, אך הוא, דהם ידעו דבמקום דמיעקרא תקנתם מחויבים לעשות לחומרא כתורה ממש, ואם כן היינו מחוייבים לעשות ספיקא דיומא - על כל פנים בזמן שהיה ספק לבני גולה - על כן הם התנו בעת תקנתם בזה לקולא ואמרו 'ולא יעבור', שכך היתה התקנה מעיקרא, במקום שיהיה ספק ביום קריאת המגילה יקדימו ולא יאחרו, ויוצאין ביום הראשון מימי הספק, ואם כן הוא הדין בעיירות המסופקות, דחדא תקנתא הוא. ואם כן אדרבה, נשמע ממגילה דבמקום דמיעקרא תקנת חכמים מחוייבים להחמיר בספיקן כמו שבשל תורה - אם לא שביארו חכמים בפירוש כמו שביארו במגילה 'ולא יעבור', ועל כן בארבע כוסות מחוייבים מן הדין להחמיר בארבעתן בהסיבה דייקא.**

פירוש: די בני יששכר ענטפערט א הפלא'דיגע תירוץ, בהקדם כמה הקדמות. **הקדמה א'** - איז די באוויסטע קשיא וואס די **מרדכי** פרעגט (מסכת מגילה, סימן תשעה), וזה לשונו: **ומה שלא נהגו לקרות המגילה יום י"ד ויום ט"ו מספק בזמן הזה, כדעבדינן ביום טוב** - פירוש: די מרדכי פרעגט, פארוואס האלט מען נישט צוויי טעג פורים אין חוץ לארץ, אזוי ווי מען האלט יעדער יום טוב צוויי טעג אין חוץ לארץ משום ספיקא דיומא? ענטפערט די מרדכי: **יש לומר, משום דדילמא י"ד נקבע בזמנו, ואיכא בט"ו משום 'ולא יעבור'** - פירוש: ביי מגילה איז דא א פראבלעם צו ליינען נאכאמאל מגילה ביום ט"ו, ווייל אין פסוק שטייט (אסתר ט, כז) 'ולא יעבור' וואס דעס איז אזוי ווי א איסור, אז מען טאר נישט ליינען די מגילה נאך די באשטימטע צייט וואס מען דארף ליינען, און וועגן דעם האט מען נישט געזאגט אז מען זאל איבער ליינען די מגילה ביום ט"ו. **הקדמה ב'** - די **לחם משנה** (הלכות ממרים, פרק א, הלכה ב) ברעגנט זייער א שטארקע קשיא וואס די **רמב"ן** פרעגט אויף די **רמב"ם** וואס שרייבט (הלכות ממרים שם): **כל מי שאינו עושה כהוראתן** - איינער וואס איז עובר אויף א איסור דרבנן, אדער ער טוט נישט א מצוה של דרבנן, **עובר בלא תעשה - שנאמר** (דברים יז, יא) **לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל** - דהיינו די רמב"ם האלט אז מען איז עובר אויף א איסור דאורייתא, דהיינו די לא תעשה פון 'לא תסור', ווען איינער איז מקיים אדער עובר אויף אן איסור דרבנן. קומט די רמב"ן און פרעגט: **אם כן כל דברי סופרים הוי לאו, והיה לנו להחמיר בכל מילי דרבנן שהם מן התורה, כיון שהתורה צותה לא תסור מכל הדבר** - פירוש: לויט די רמב"ם אז יעדער וואס איז עובר אויף א איסור דרבנן איז אויך עובר אויף איסור לא תעשה מדאורייתא, איז פארוואס זאגט מען אז 'ספיקא דרבנן לקולא', ברגע וואס די רבנן האבן מתקן געווען א תקנה, איז דא אויך א איסור דאורייתא פון לא תסור, און מען וואלט געדארפט מחמיר זיין אזוי ווי די דין איז אז 'ספיקא דאורייתא לחומרא'? קומט די לחם משנה און ברעגנט אראפ א תירוץ פון דער קרית ספר, וזה לשונו:

**והנה בקרית ספר שחבר הרב מהר"ם טראני ז"ל בתחלת ספרו האריך לתרץ זה, וכלל דבריו הם, דחכמים התנו מתחילה שלא יהא עובר על גזירתם כעובר על דברי תורה, אלא שיהא קל מאד ושילכו בספק דבריהם להקל, וכיון שכן אין אנו עוברים על מה שצותה התורה, שהתורה לא צותה אלא שישמעו למה שאמרים חכמים ז"ל, והם עצמם אמרו שלא ילכו בדבריהם להחמיר אלא להקל, ושלא יהא להם עונש כעובר על דברי תורה** - פירוש: די קרית ספר ענטפערט דער קשיא פון די רמב"ן מיט א נייע דערהער אין דער דין פון ספק דרבנן לקולא, דהיינו, דעס איז אמת אז בשעת א מענטש איז נישט מקיים א מצוה דרבנן, אדער ער איז עובר אויף א איסור דרבנן גייט ער אויך עובר זיין אויף א איסור דאורייתא פון לא תסור, אבער אפילו אזוי גייט מען נאך אלץ זאגן ספיקא דרבנן לקולא, ווייל די רבנן האבן א געמאכט א תנאי קודם למעשה, אז זייער מצוה אדער לאו וואס זיי מאכן איז נאר ביי א 'ודאי', און נאר דעמאלטס איז דא דער חיוב צו מקיים זיין וואס זיי זאגן 'מדאורייתא' - אבער ביי א 'ספק' קען מען מקיל זיין ביי זייער מצוה. דהיינו די זעלבע חכמים וואס האבן געזאגט אז עס איז דא א חיוב צו טוהן א מצוה דרבנן - און מען דארף זיי פאלגען מכח דער לאו פון 'לא תסור', זיי האבן אויך געזאגט אז ווען עס איז דא א 'ספק דרבנן' קען מען מיקל זיין. עד כאן דברי הלחם משנה.

קומט די בני יששכר מכח די ביידע הקדמות און ער פארענטפערט די קשיא פון די משנה למלך אויף דער סתירת הר"ן. ביי די ד' כוסות, שרייבט די ר"ן אז מען דארף מאכן הסיבה ביי אלע ד' כוסות, ווייל אפילו די רבנן האבן געזאגט אז מען זאגט ספיקא דרבנן לקולא, דעס איז דוקא אויב עס ווערט נישט 'נעקר' לגמרי די מצוה דרבנן, און וויבאלד דא ביי ד' כוסות, אויב גייט מען זאגן ספק דרבנן לקולא, וועט ווערן נעקר די גאנצע זאך פון הסיבה ביי ד' כוסות, איז אויף אזא אופן קומט צוריק די 'קשיא פון די רמב"ן' און מען זאגט אז מען זאל מחמיר זיין מכח דער לאו דאורייתא פון 'לא תסור'. און לגבי קריאת המגילה, איז לכאורה וואלט געדארפט זיין די זעלבע דין אזוי ווי הסיבה ביי ד' כוסות - און מען וואלט געדארפט ליינען די מגילה ביידע טעג, ווייל דא קען מען אויך נישט זאגן 'ספיקא דרבנן לקולא', ווייל אויב מען זאגט אזוי, וועט דאך ווערן נעקר לגמרי קריאת המגילה ביי די עיירות הספיקות. אבער ביי מגילה קען מען נישט ליינען ביידע טעג, ווייל מען האט דאך דער איסור פון 'ולא יעבור', אזוי ווי די מרדכי שרייבט, וועגן דעם האט מען געזאגט, אז מען זאל ליינען נאר ביום י"ד - ווייל מען זאגט נישט 'ספיקא דרבנן לקולא'. און מען זאל נישט ליינען ביום ט"ו - ווייל עס איז דא די איסור פון 'ולא יעבור'.

[יש עוד הרבה תירוצים יפים ובהירים מרבותינו גדולי האחרונים זצ"ל על קושית המשנה למלך, ובעזרת השם בהגליון לרגל חג המצות הבעל"ט אסדר משנתם].

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com